# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

פרשת ויקהל פקודי, שבת החודש, מברכים חודש ניסן, כ"ה אדר, שנת תשפ"ג לפ"ק

שנה 12, גליון 25 (595)


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות......................**6:46**
מוצאי שב"ק......................**8:18**

**שיעורים כסדרן**
נ"ך......................איוב ל"ב-ל"ג
בבלי......................נזיר נ"ד
ירושלמי......................דמאי כ'
תוספתא......................סנהדרין ז'
רמב"ם......................עדות כ'

## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

**כָּל אֲשֶׁר נָתַן ה' חָכְמָה בָּהֵמָּה.** בִּפְשְׁטוּת טַייטְשְׁט דָאס וָוארְט 'בָּהֵמָּה' - אִין זֵיי, אָבֶער דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי טַייטְשְׁט גָאר שֵׁיין אוֹיס דֶעם פָּסוּק (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן טו), אַז דָאס וָוארְט 'בְּהֵמָה' מֵיינְט טַאקֶע פָּשׁוּט אַ בְּהֵמָה, אוּן עֶס אִיז אַ חָכְמָה צוּ זַיין אַזוֹי וִוי אַ בְּהֵמָה, אַזוֹי וִוי חֲזַ"ל זָאגְן (חֻלִּין ה:) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (תְּהִלִּים לו, ז): "אָדָם וּבְהֵמָה תּוֹשִׁיעַ ה'", אַז דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען זֵייעֶר קְלוּג, אוּן זֵיי מַאכְן זִיךְ וִוי אַ בְּהֵמָה, זֵיי טוּעֶן דֶעם ווִילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אָן קַיין חָכְמוֹת. אוּן אַזוֹי וִוי אָסָף בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן (שָׁם עג, כב): "וַאֲנִי בַעַר וְלֹא אֵדָע בְּהֵמוֹת הָיִיתִי עִמָּךְ", זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגָה אִיז, אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ פִירְן פָּשׁוּט בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת.

וָואס מֵיינְט 'זַיין אַזוֹי וִוי אַ בְּהֵמָה'? דָאס מֵיינְט זִיךְ צוּ פִירְן פָּשׁוּט בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת; אִיךְ לֵייג אַוֶועק אַלֶע מַיינֶע חָכְמוֹת, אִיךְ לֵייג אַוֶועק מַיין גַאנְצֶע שֵׂכֶל אוּן אִיךְ טוּ וָואס אִיךְ דַארְף צוּ טוּן, וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעזָאגְט.

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע הָאט גֶעזָאגְט: "**נָאךְ אַלֶע מַיינֶע חָכְמוֹת, נָאךְ אַלֶע מַיינֶע כַּוָּנוֹת, לֵייג אִיךְ אַלֶעס אַוֶועק, אִיךְ בִּין אַ נַאר אוּן גְלֵייבּ**"; צַדִּיקִים זֶענֶען אִין דִי עוֹלָמוֹת הָעֶלְיוֹנִים, מִיר הָאבְּן נִישְׁט קַיין הַשָּׂגָה וִוי גְרוֹיס צַדִּיקִים זֶענֶען, מִיר ווֵייסְן אֲפִילוּ נִישְׁט וָואס מִיר ווֵייסְן נִישְׁט, פוּן דֶעסְט ווֶעגְן הָאט דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע גֶעזָאגְט, ווֶען עֶס קוּמְט צוּם דַאוֶונֶען לֵייגְט עֶר אַוֶועק אַלֶע זַיינֶע חָכְמוֹת. דָאס אִיז מַמָּשׁ דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט דָא, אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל זַיין אַזוֹי וִוי אַ בְּהֵמָה, זִיךְ פִירְן פָּשׁוּט בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת.

אַלֶע הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים וּבְתוֹכָם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, הָאבְּן זֵייעֶר אָנְגֶעזָאגְט מֶען זָאלְן נִישְׁט לֶערְנֶען קַיין 'סִפְרֵי חֲקִירָה'; מֶען רֶעדְט נִישְׁט פוּן סִפְרֵי אַפִּיקוֹרְסוּת רַחֲמָנָא לִצְלָן, נָאר אֲפִילוּ סְפָרִים פוּן הֵיילִיגֶע רִאשׁוֹנִים וִוי דֶער סֵפֶר 'מוֹרֶה נְבוֹכִים', פוּנֶעם הֵיילִיגְן רַמְבַּ"ם, הָאט דֶער רֶבִּי זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶועְן נִישְׁט צוּ לֶערְנֶען (עַיֵּין חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תז, תח, תט). פַארְוָואס? ווַייל מִיט חֲקִירוֹת קֶען מֶען נִישְׁט דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאר אַז מֶען אִיז אַ נַאר, מֶען לֵייגְט אַוֶועק דִי שֵׂכֶל אוּן חָכְמוֹת, אוּן מֶען 'גְלֵייבְּט' אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דִי ווֶעלְט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן דִי תּוֹרָה, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאצָאלְט גוּטְס פַאר ווֶער עֶס הִיט דִי תּוֹרָה אוּן בַּאשְׁטְרָאפְט ווֶער עֶס הַאלְט נִישְׁט דִי תּוֹרָה - קֶען מֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן יב), דֶער עִיקָר פוּן אִידִישְׁקֵייט אִיז, מֶען זָאל פָאלְגְן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת. עֶס ווֶערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין סְפָרִים הַקְּדוֹשִׁים (עַיֵּין סֵפֶר אוֹר הַחַיִּים, מֵאֵת רַבִּי יוֹסֵף יַעְבֵּ"ץ, פֶּרֶק ב), אַז אִין דִי צַייטְן וָואס דִי גוֹיִם הָאבְּן גֶעמַאכְט גְזֵירוֹת אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער, הָאט מֶען גֶעזֶען דִי אַלֶע וָואס זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען נָאךְ זֵייעֶרֶע חָכְמוֹת זֶענֶען נֶעבֶּעךְ אַוֶועק גֶעפַאלְן פוּן אִידִישְׁקֵייט אוּן עֶס אִיז גָארְנִישְׁט גֶעבְּלִיבְּן פוּן זֵיי, נָאר דִי וָואס הָאבְּן גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען אִין פֵייעֶר מִיט מְסִירַת נֶפֶשׁ, אוּן בַּיי זֵיי אִיז גֶעבְּלִיבְּן אִידִישְׁקֵייט.

מוֹהֲרַאְ"שׁ שְׁרַייבְּט אַז פוּן רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אִיז מַשְׁמַע אַז 'מִלְחֶמֶת גּוֹג וּמָגוֹג' ווֶעט נִישְׁט זַיין קַיין מִלְחָמָה מִיט טַאנְקֶען אוּן בָּאמְבֶּעס, נָאר דֶער מִלְחָמָה ווֶעט זִיךְ אָפְּטוּן בַּיי יֶעדְן אִיד אִין מֹחַ, דָאס ווֶעט זַיין אַ שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע מִלְחָמָה, אֵיין מִינוּט ווֶעט דֶער מֶענְטְשׁ טְרַאכְטְן: 'עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער', נָאכְדֶעם ווֶעט עֶר הָאבְּן אַ קַשְׁיָא אוֹיף דִי אֱמוּנָה; אַ מִלְחָמָה וָואס דְרֵייט זִיךְ אִין קָאפּ, מֶען טְרַאכְט: 'זָאל אִיךְ בְּלַייבְּן בַּיי אִידִישְׁקֵייט אָדֶער נִישְׁט', 'זָאל אִיךְ בְּלַייבְּן מִיט מַיין בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת אָדֶער נִישְׁט', דִי שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת קֶען מֶען נָאר בַּייקוּמֶען אוֹיבּ מֶען גֵייט מִיט תְּמִימוּת אָן קַיין שׁוּם חָכְמוֹת, אִיךְ גְלֵייבּ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, אוּן אִיךְ טוּ וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט.

אִין גֶעוִויסֶע פְלֶעצֶער הָאט מֶען פֶּסַח אוּן בַּיי אַנְדֶערֶע מִצְוֹת אַרַיינְגֶעלֵייגְט קָאפּ אוּן מֹחַ בְּעִיקָר אִינֶעם 'דִקְדּוּק הַמִּצְוֹת', וִוי מֶען קֶען מַאכְן דִי מִצְוָה מֶער אוֹיסְגֶעהַאלְטְן אוּן מֶער אוֹיסְגֶעהַאלְטְן, אָבֶער בַּיי דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים אִיז גֶעוֶועְן דֶער עִיקָר דִי 'שִׂמְחָה' פוּן דִי מִצְוָה, דִי 'לֶעבְּן' פוּן דִי מִצְוָה. אַ אִיד דַארְף זִיךְ מְחַיֶּה זַיין מִיט דִי מִצְוֹת וָואס עֶר טוּט; ווֶען מֶען קוּמְט אִינְדֶערְפְרִי אִין שׁוּל דַאוֶונֶען, מֶען טוּט אָן תְּפִילִין, גֶעבּ אַ טְרַאכְט: פַארְוָואס קוּם אִיךְ אִין שׁוּל? פַארְוָואס טוּ אִיךְ אָן תְּפִילִין? ווַייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַזוֹי גֶעהֵייסְן! פַארְוָואס טוּ אִיךְ אָן צִיצִית? ווַייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַזוֹי גֶעהֵייסְן! פַארְוָואס הִיט אִיךְ שַׁבָּת? ווַייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַזוֹי גֶעהֵייסְן! אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט: "ווֶען מֶען הַאלְט אַ מַצָּה אִין הַאנְט הַאלְט מֶען כִּבְיָכוֹל דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; ווַייל ווֶער הָאט גֶעהֵייסְן עֶסְן מַצָּה? דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אִיז עֶס אַזוֹי וִוי מֶען הַאלְט אִים אַלֵיינְס".

דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע חָכְמָה, נָאכְדֶעם וָואס מֶען אִיז שׁוֹין זוֹכֶה צוּ פַארְשְׁטֵיין אַלֶעס, דִינְט מֶען ווַייטֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פָּשׁוּט אוּן מֶען אִיז זִיךְ מְחַיֶּה מִיט יֶעדֶע מִצְוָה וָואס מֶען טוּט.

(אֲשֶׁר הָיָה אֵל יוֹאֵל, וַיַּקְהֵל תשפ"ב)

## מוֹהֲרָאְ"שׁ דֶערְצֵיילְט

### שַׁבָּת הַחוֹדֶשׁ

ווֶען עֶס קוּמְט שַׁבָּת הַחוֹדֶשׁ, מֶען בֶּענְטְשְׁט שׁוֹין רֹאשׁ חוֹדֶשׁ נִיסָן אִיז דִי רִיכְטִיגֶע צַייט זִיךְ צוּ בַּאנַייעֶן, צוּ פַארְגֶעסְן אַלֶעס וָואס עֶס אִיז גֶעוֶועְן בִּיז יֶעצְט, אוּן אָנְהֵייבְּן פוּן פְרִישׁ צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער פָּסוּק זָאגְט אוֹיף חוֹדֶשׁ נִיסָן: "'הַחוֹדֶשׁ' הַזֶּה לָכֶם רֹאשׁ 'חֳדָשִׁים', רִאשׁוֹן הוּא לָכֶם 'לְחָדְשֵׁי' הַשָּׁנָה", עֶס ווֶערְט דְרֵיי מָאל דֶערְמַאנְט דֶער וָוארְט "חָדָשׁ - נֵיי". דְרֵיי מָאל אִיז אַ חֲזָקָה, יֶעצְט אִיז דִי רִיכְטִיגֶע צַייט זִיךְ צוּ בַּאנַייעֶן אִינְגַאנְצְן.

בֶּאֱמֶת קֶען זִיךְ אַ אִיד בַּאנַייעֶן יֶעדְן טָאג, מֶען מוּז נִישְׁט ווַארְטְן בִּיז חוֹדֶשׁ נִיסָן, דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רס"א) אַז אַ אִיד דַארְף יֶעדְן טָאג אָנְהֵייבְּן פוּן נֵיי. יֶעצְט אָבֶער, פוּן חוֹדֶשׁ נִיסָן, פוּן שַׁבָּת הַחוֹדֶשׁ, קֶען אַ מֶענְטְשׁ נֶעמֶען אַ פְרִישֶׁע הִתְחַדְשׁוּת, זִיךְ צוּ בַּאנֵייעֶן טַאקֶע אִין דֶעם עִנְיָן, אַרַיינְצוּנֶעמֶען קְלָאר אִין קָאפּ: "נִישְׁט קַיין

<<<<<<

**א גוט ווארט**

גֵיי אִין שׁוּל דַאוֶונֶען דִי דְרֵיי תְּפִילוֹת מִיט מִנְיָן ווֶעט זִיךְ אַלֶעס בַּיי דִיר טוּישְׁן צוּם גוּטְן. קוּק נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם, טְרַאכְט: 'אִיךְ קוּם צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ דַארְף נִישְׁט קֵיינֶעם', אַזוֹי ווֶעט דִיר זַיין גְרִינְגֶער.

בְּנוֹגֵעַ וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט אַז דוּ שְׁפִּירְסְט זִיךְ וִוי אַן אוֹיסְגֶעקְלַאפְּטֶער בָּחוּר דָארְט אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, דוּ ווִילְסְט קוּמֶען קַיין אַמֶערִיקֶע; קוּם נִישְׁט קַיין אַמֶערִיקֶע, נִישְׁטָא גָארְנִישְׁט אִין אַמֶערִיקֶע, בְּלַייבּ אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. דָאס וָואס דוּ שְׁפִּירְסְט זִיךְ וִוי אַן אוֹיסְגֶעקְלַאפְּטֶער, וִוי אַלֶע קוּקְן אוֹיף דִיר וִוי אַ דוּרְכְפַאל - דָאס הָאט נִישְׁט מִיט דִי פְּלַאץ, דָאס אִיז אִין קָאפּ; אַז דוּ ווֶעסְט דַאוֶונֶען דִי דְרֵיי תְּפִילוֹת, שַׁחְרִית מִנְחָה מַעֲרִיב, אוּן דוּ ווֶעסְט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף שִׂמְחָה - ווֶעט דִיר גָאר ווֵיינִיג אִינְטֶערֶעסִירְן וָואס דֶער זָאגְט אוּן וָואס יֶענֶער זָאגְט.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה תִּשָּׂא תשפ"ג)



דער מולד וועט זיין: דינסטאג נאכט 24 מינוט און 12 חלקים נאך 1 | ראש חודש ניסן יהיה ביום החמישי

## אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# בֶּענְקֶען, וֶועלְן, אוּן הָאפְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל-פְּקוּדֵי, י"ט אָדָר, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

בֶּענְק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס וֶועט דִיךְ בְּרֶענְגֶען צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגוֹת. אֲפִילוּ דוּ זֶעסְט וִוי עֶס גֵייט דִיר נִישְׁט, דוּ בִּיסְט נִישְׁט מַצְלִיחַ צוּ טוּן אַסַאךְ - דָאךְ זָאלְסְטוּ בֶּענְקֶען, וֶועלְן אוּן הָאפְן, אַזוֹי וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ קוּמֶען צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגוֹת.

עֶס אִיז בַּאוואוּסְט בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, אַז וֶוען רֶבִּי נָתָן אִיז מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם רֶבִּי'ן, עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי"ן אוּן גֶעזֶען דֶעם סֵפֶר שִׁבְחֵי הָאֲרִיזַ"ל - הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן דֶעם רֶבִּי"ן אוֹיבּ עֶר קֶען דָאס בָּארְגְן, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "יָא", אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעשְׁמֵייכְלְט אוּן גֶעזָאגְט: "אָבֶּער זָאלְסְט נִישְׁט זַיין וִוי דִי חֲסִידִים וָואס בָּארְגְן אַ סֵפֶר אוּן פַארְגֶעסְן עֶס צוּרִיק צוּ גֶעבְּן".

רֶבִּי נָתָן אִיז אַרִיבֶּער דֶעם סֵפֶר אַפָּאר מָאל אוּן צוּמָארְגְנְס הָאט עֶר דָאס צוּרִיק גֶעבְּרֶענְגְט. דֶער רֶבִּי פְרֶעגְט אִים: "וָואס הָאסְטוּ גֶעזֶען אִינֶעם סֵפֶר?" זָאגְט רֶבִּי נָתָן: "צְוֵויי זַאכְן. אֵיינְס, דֶער אֲרִיזַ"ל הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיין תַּלְמִיד רֶבִּי חַיִּים וִויטַאל אַז אִינֶעם הַיינְטִיגְן דוֹר קֶען אַ מֶענְטְשׁ צוּקוּמֶען צוּ דִי מַדְרֵיגָה פוּן רַבִּי עֲקִיבָא מִיט מִיעוּט פְּעוּלוֹת, מִיט וֵוייניג טוּן", הָאט זִיךְ דֶער רֶבִּי אָנְגֶערוּפְן: "יָא יָא, מִיט וֵוייניג טוּן אָבֶּער מִיט אַסַאךְ בֶּענְקֶען", אוּן דֶער רֶבִּי פְרֶעגְט אִים: "וָואס אִיז דִי צְוֵוייטֶע זַאךְ?" זָאגְט רֶבִּי נָתָן: "עֶס שְׁטֵייט אִינֶעם סֵפֶר, וִוי מֶער דֶער אֲרִיזַ"ל הָאט אוֹיסְגֶעלוֹיבְּט זַיין תַּלְמִיד רֶבִּי חַיִּים וִויטַאל - אַלְץ מֶער אִיז עֶר גֶעוָוארְן בַּיי זִיךְ כְּלָא כְּלוּם, וִוי גָארְנִישְׁט, אוּן עֶס אִיז אִים גֶעוֶוען אַ וואוּנְדֶער פַארְוָואס זַיין רֶבִּי רֶעדְט פוּן אִים", דֶער רֶבִּי הָאט דָאס גֶעהֶערְט, עֶר הָאט גֶעקוּקְט אוֹיף רֶבִּי נָתָן אוּן אִים גָארְנִישְׁט גֶעזָאגְט.

עֶס אִיז דָא אַסַאךְ צוּ רֶעדְן פוּן דֶעם, אִיךְ יָאג זִיךְ, אִיךְ דַארְף לוֹיפְן צוּ דִי בָּחוּרִים. דֶער עִיקָר וִויל אִיךְ זָאלְסְט אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן דֶעם סִיפּוּר דָאס וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ קוּמֶען צוּ גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגוֹת דוּרְךְ וֵוייניג טוּן אָבֶּער דוּרְךְ אַסַאךְ בֶּענְקֶען".

דִי וָואךְ גֵייעֶן מִיר עֶנְדִיגְן סֵפֶר שְׁמוֹת. דִי וָואךְ גֵייט צְוֵויי פַּרְשִׁיוֹת, וַיַּקְהֵל אוּן פְּקוּדֵי, אִיז גוּט שׁוֹין הַיינְט זוּנְטָאג אָנְצוּהֵייבְּן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל, אַיינְגֶעטֵיילְט לוֹיט דִי וָואךְ. אַז מֶען לֶערְנְט יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ, תַּרְגוּם מִיט רַשִׁ"י - אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ רוּחַ הַקוֹדֶשׁ, מֶען וֶוערְט גֶערַאטֶעוֶועט פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטֶס.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ח.): "אָמַר רַב הוּנָא בַּר יְהוּדָה אָמַר רַבִּי אַמִּי, לְעוֹלָם יַשְׁלִים אָדָם פָּרָשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּבּוּר שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם, שֶׁכָּל הַמַּשְׁלִים פַּרְשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּבּוּר, מַאֲרִיכִין לוֹ יָמָיו וּשְׁנוֹתָיו"; אַ מֶענְטְשׁ אִיז מְחוּיָב צוּ לֶערְנֶען דִי פַּרְשָׁה פוּן דִי וָואךְ, צְוֵויי מָאל דִי חוּמָשׁ אוּן אֵיין מָאל תַּרְגוּם, אוּן וֶוער עֶס אִיז מַעֲבִיר סֶדְרָה אִיז זוֹכֶה צוּ אֲרִיכַת יָמִים. אַז דוּ בִּיסְט מַעֲבִיר סֶדְרָה יֶעדְן טָאג, זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי אוּן אַזוֹי וַוייטֶער כַּמְבוֹאָר בְּשֻׁלְחָן עָרוּךְ (אוֹרַח חַיִּים סִימָן רפה, סָעִיף ג), זָאלְסְטוּ אוֹיךְ צוּ לֶערְנֶען רַשִׁ"י אוֹיפְ'ן טָאג; זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

אַלֶע צַדִיקִים הָאבְּן זֵייעֶר מַזְהִיר גֶעוֶוען זֵייעֶרֶע תַּלְמִידִים צוּ לֶערְנֶען חוּמָשׁ רַשִׁ"י יֶעדְן טָאג. מֶען זָאגְט נָאךְ פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי יִשָּׂשכָר דוֹב מִבֶּעלְזָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וָואס הָאט גֶעזָאגְט: "אַ טָאג וָואס מֶען לֶערְנְט חוּמָשׁ מִיט רַשִׁ"י, אִיז מֶען פַארְזִיכֶערְט אַז אִין דֶעם טָאג וֶועט מֶען נִישְׁט זִינְדִיגְן". אוֹיךְ אִיז יָדוּעַ בַּיי סַאטְמַארֶע חֲסִידִים אַז דֶער הֵיילִיגֶער קְדוּשַׁת יוֹם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעשִׁיקְט זַיינֶע צְוֵויי קִינְדֶער דֶער הֵיילִיגֶער עֲצֵי חַיִּים אוּן דֶעם סַאטְמֶערֶער רֶבִּי זְכוּתָם יָגֵן עָלֵינוּ וֶוען זֵיי זֶענֶען נָאךְ גֶעוֶוען גָאר קְלֵיין, אַז זֵיי זָאלְן גֵיין נֶעמֶען אַ בְּרָכָה פוּן דֶעם הֵיילִיגְן צַדִיק רֶבִּי מָרְדְכַי'לֶע מִנַאדְבוֹרְנָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. ר' מָרְדְכַי'לֶע הָאט זֵיי גֶעבֶּענְטְשְׁט אוּן זֵיי גֶעזָאגְט דִי וֶוערְטֶער: "קִינְדֶערְלֶעךְ, פִּילֶעוֶועט זִיךְ אִין חוּמָשׁ רַשִׁ"י (לֶערְנְט אַסַאךְ חוּמָשׁ רַשִׁ"י), וַוייל אִיךְ הָאבּ גֶעקֶענְט גְרוֹיסֶע גְאוֹנִים וָואס הָאבְּן נִישְׁט גֶעוואוּסְט וואו דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וואוֹינְט וַוייל זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעלֶערְנְט חוּמָשׁ רַשִׁ"י".

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מִדְרָשׁ אוֹתִיּוֹת דְּרַבִּי עֲקִיבָא, אוֹת ב): "פַארְוָואס הֵייבְּט זִיךְ אָן דִי תּוֹרָה מִיטְ'ן אוֹת ב'? וַוייל אַ בֵּית אִיז פַארְמַאכְט פוּן אַלֶע זַייטְן, עֶס אִיז אָפְן נָאר אוֹיף פָארְאוֹיס"; אוּנְז צוּ וַוייזְן אַז וֶוער עֶס וִויל לֶערְנֶען תּוֹרָה אוּן מַצְלִיחַ זַיין בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם זָאל קוּקְן אוֹיף פָארְאוֹיס, נִישְׁט אוֹיף צוּרִיק; דֶערִיבֶּער זָאלְסְטוּ וַוייטֶער לֶערְנֶען חוּמָשׁ רַשִׁ"י יֶעדֶע וָואךְ לוֹיט דִי פַּרְשָׁה אוּן נִישְׁט קוּקְן אוֹיף צוּרִיק, גֵיי וַוייטֶער כְּסִדְרָן וֶועסְטוּ מַצְלִיחַ זַיין אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶעס גוּטְס וָואס לִיגְט אִין דִי תּוֹרָה.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וַיַּקְהֵל פְּקוּדֵי תשפ"ג, בְּהַעֲלוֹתְךָ תשע"ט)

<<<<<< מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

חִילוּק וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען נֶעכְטְן, נִישְׁט קַיין חִילוּק וָואס עֶס וֶועט זַיין מָארְגְן, אִיךְ וֶועל פְּרוּבִּירְן צוּ קוּקְן נָאר אוֹיפְ'ן הַיינְטִיגְן טָאג, אוּן זֶען וָואס אִיךְ קֶען אוֹיפְטוּן גוּטֶע זַאכְן".

דֶערְפַאר וֶוען מֶען לֵיינְט דִי פַּרְשַׁת הַחוֹדֶשׁ, אִיז דִי צַייט צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ דִי מִדָּה פוּן הִתְחַדְשׁוּת, אִיךְ זָאל יֶעדְן טָאג אָנְהֵייבְּן פוּן נֵיי, נִישְׁט אִיבֶּערְטְרַאכְטְן וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען בִּיז יֶעצְט, אוּן נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן וָואס עֶס וֶועט זַיין וַוייטֶער, נָאר אִיךְ זָאל מִיר שְׁטֶענְדִיג קָאנְצֶענְטְרִירְן אוֹיף דִי יֶעצְטִיגְן מִינוּט, וָואס אִיךְ קֶען יֶעצְט טוּן גוּטֶע זַאכְן בְּרוּחֲנִיוּת וּבְגַשְׁמִיוּת, אוּן אַזוֹי וֶועל אִיךְ זֵייעֶר מַצְלִיחַ זַיין".

דָאס אִיז בֶּאֱמֶת דִי פַּרְשַׁת הַחוֹדֶשׁ, דִי מִצְוָה פוּן קִידוּשׁ הַחוֹדֶשׁ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן אַז דִי אִידְן זָאלְן צֵיילְן דִי חֳדָשִׁים לוֹיט דִי לְבָנָה צוּ וַוייזְן אַז אִידְן זֶענֶען אַזוֹי וִוי דִי לְבָנָה, סוֹף חוֹדֶשׁ וֶוערְט עֶס קְלֶענֶער אוּן קְלֶענֶער, אָבֶּער נָאכְדֶעם וֶוערְט עֶס בַּאנֵייעֶט אוּן וֶוערְט צוּרִיק גְרוֹיס, אַזוֹי גֵייט דָאס לֶעבְן פוּן אַ אִיד, מֶען פִילְט אַסַאךְ מָאל אַז מֶען פַאלְט אוּן פַאלְט, מֶען וֶוערְט קְלֶענֶער אוּן קְלֶענֶער, אָבֶּער נָאכְדֶעם בַּאנֵייעֶט מֶען זִיךְ אוּן מֶען וֶוערְט צוּרִיק גְרוֹיס, אַזוֹי גֵייט עֶס אִיבֶּער נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל.

### שְׁטֶענְדִיג אָנְהֵייבְּן פוּן נֵיי

דֶער רֶבִּי אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן רֹאשׁ חוֹדֶשׁ נִיסָן, וַוייל דָאס אִיז דֶער גַאנְצֶער עִנְיָן פוּן רֶבִּי'ן, שְׁטֶענְדִיג זִיךְ צוּ בַּאנֵייעֶן, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (שִׁבְחֵי הָרַ"ן סִימָן ו') אַז עֶר אַלֵיין פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג אָנְהֵייבְּן פוּן נֵיי.

אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן פוּן רֶבִּי'ן, וֶוען עֶס הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט אַז עֶר אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן בְּרוּחֲנִיוּת, הָאט עֶר נִישְׁט אוֹיפְגֶעגֶעבְּן, נָאר עֶר הָאט גֶעזָאגְט: "אִיךְ וֶועל אָנְהֵייבְּן פוּן יֶעצְט, אַזוֹי וִוי אִיךְ וָואלְט נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ הֵייבּ יֶעצְט אָן דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל", אַזוֹי פְלֶעגְט עֶר טוּן יֶעדֶע מָאל וָואס עֶר אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן. אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, אַז דָאס פְלֶעגְט זַיין בַּיי אִים יֶעדְן טָאג, אוּן אַפִילוּ עֶטְלִיכֶע מָאל אַ טָאג. וָואס עֶר אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן פוּן פְרִישׁ. אוּן אַזוֹי הָאט עֶר מַצְלִיחַ גֶעוֶוען אוּן גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן רמ"ז) "אַזַא חִידוּשׁ וִוי מִיר אִיז נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעוֶוען". אֵיינֶע פוּן דִי פְּשָׁטִים וָואס אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הָאבְּן גֶעזָאגְט אוֹיף דֶעם אִיז אַז דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען אַ גֶעוַואלְדִיגֶער "חִידוּשׁ" טַאקֶע אִין דֶעם עִנְיָן פוּן "הִתְחַדְשׁוּת", זִיךְ שְׁטֶענְדִיג צוּ בַּאנֵייעֶן. אוּן דָאס לֶערְנְט דֶער רֶבִּי אוֹיס אוֹיךְ פַאר אוּנְז, אַז מִיר זָאלְן זִיךְ אוֹיךְ שְׁטֶענְדִיג בַּאנֵייעֶן, אוּן דֶערְפַאר אִיז זֵייעֶר פַּאסִיג וָואס דֶער רֶבִּי אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן רֹאשׁ חוֹדֶשׁ נִיסָן, וָואס דֶעמָאלְט אִיז דִי צַייט שְׁטַארְק מְסוּגָל זִיךְ צוּ בַּאנֵייעֶן.

דֶער עִיקָר דַארְף מֶען זִיךְ יֶעצְט בַּאנֵייעֶן אִין דִי זַאךְ פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן צ"ח) אַז אִין וִוינְטֶער שְׁטַארְבְּן אָפּ אַלֶע בֵּיימֶער אוּן גְרָאזְן, אוּן וֶוען עֶס קוּמְט זוּמֶער לֶעבְּן זֵיי אַלֶע אוֹיף, אוּן דֶעמָאלְט קֶען זִיךְ דֶער מֶענְטְשׁ מִיטְכַאפְּן מִיט דִי בֵּיימֶער, אוּן זִיךְ אוֹיךְ בַּאנֵייעֶן אַזוֹי וִוי זֵיי. אוּן דֶעמָאלְט אִיז זֵייעֶר גוּט צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיפְ'ן פֶעלְד צְוִוישְׁן דִי גְרָאז אוּן בֵּיימֶער, אוּן דֶער אֱמֶת אִיז, אַז דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז אֵיין גְרוֹיסֶע פֶעלְד, מֶען קֶען אִיבֶּעראַל רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דִי גְרָאז אוּן בֵּיימֶער הֶעלְפְן צוּ דֶעם מֶענְטְשׁ צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוּן בֶּאֱמֶת וֶוענְדְט זִיךְ אִין דֶעם דִי גַאנְצֶע הַצְלָחָה פוּן אַ אִיד אִין עֲבוֹדַת ה', וֶוען מֶען בַּאנֵייעֶט זִיךְ יֶעדֶע מָאל פוּן פְרִישׁ, דוּרְךְ דֶעם שְׁטֵייגְט מֶען זֵייעֶר שְׁטַארְק הֶעכֶער אוּן הֶעכֶער. יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען טוּט אִין עֲבוֹדַת ה' דַארְף זַיין מִיט אַ פְרִישְׁקֵייט אַזוֹי וִוי עֶס וָואלְט גֶעוֶוען דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל וָואס מֶען טוּט עֶס, מֶען גֵייט דַאוֶוענֶען שַׁחֲרִית, "יֶעצְט אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל וָואס אִיךְ גֵיי דַאוֶוענֶען שַׁחֲרִית", מֶען גֵייט דַאוֶוענֶען מִנְחָה, "יֶעצְט אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל וָואס אִיךְ גֵיי דַאוֶוענֶען מִנְחָה", מֶען גֵייט דַאוֶוענֶען מַעֲרִיב, אֲפִילוּ מֶען אִיז מִיד אוּן אָפְּגֶעמוּטְשֶׁעט פוּן אַ גַאנְצֶע טָאג, פְּרִישְׁט מֶען זִיךְ אוֹיף וַוייל מֶען גֵייט יֶעצְט דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל גֵיין דַאוֶוענֶען מַעֲרִיב.

<<<<<<

מֶען זֶעט אַז דִי עֶרְשְׁטֶע מַעֲרִיב פוּנֶעם יָאר, רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיינַאכְט, דַאוֶוענְט יֶעדֶער מִיט גְרוֹיס כַּוָּונָה און הִתְעוֹרְרוּת, וַוייל דָאס אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע תְּפִלָּה פוּן יָאר דַאוֶוענְט מֶען עֶס מִיט אַ גֶעשְׁמַאק, אָבֶער בֶּאֱמֶת דַארְף מֶען יֶעדֶע מַעֲרִיב דַאוֶוענֶען אַזוֹי, וֶוען מֶען הֵייבְּט אָן יֶעדֶע מָאל פוּן נֵיי, דֶעמָאלְט אִיז יֶעדֶע תְּפִלָּה דִי עֶרְשְׁטֶע תְּפִלָּה וָואס מֶען דַאוֶוענְט, און מֶען דַאוֶוענְט עֶס מִיט גְרוֹיס גֶעשְׁמַאק.

און דִי זֶעלְבֶּע אִיז בַּיים לֶערְנֶען, יֶעדֶע מָאל וָואס מֶען זֶעצְט זִיךְ לֶערְנֶען, צִי זָאל עֶס זַיין מִקְרָא, מִשְׁנָה, גְּמָרָא, אָדֶער מֶדְרָשׁ, זָאל מֶען אָנְהֵייבְּן פוּן פְרִישׁ, "אִיךְ גֵיי יֶעצְט דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל לֶערְנֶען דִי נֵייעֶ לִימוּד", און וֶוען אַ אִיד פִירְט זִיךְ אַזוֹי וֶועט עֶר זֵייעֶר מַצְלִיחַ זַיין, וַוייל דֶער עִיקָר אִיז זִיךְ שְׁטֶענְדִיג צוּ בַּאנֵייעֶן און מַאכְן שְׁטֶענְדִיג אַ פְרִישֶׁע הַתְחָלָה.

רֶבִּי נָתָן הָאט דֶערְצֵיילְט אַז בַּיים רֶבִּי'ן הָאט מֶען דָאס אוֹיךְ גֶעזֶען ווִי עֶר הָאט זִיךְ שְׁטֶענְדִיג בַּאנֵייעֶט, נָאכְדֶעם וָואס עֶר הָאט גֶעעֶנְדִיגְט מְגַלֶּה זַיין גֶעוַואלְדִיגֶע תּוֹרוֹת און הַשָּׂגוֹת, הָאט מֶען אִים גְלַייךְ נָאכְדֶעם גֶעטְרָאפְן וֵויינֶען און בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן "ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד?", וַוייל עֶר פְלֶעגְט אֵייבִּיג אָנְהֵייבְּן פוּן פְרִישׁ, און אַזוֹי אִיז עֶר צוּגֶעקוּמֶען צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגוֹת.

אֲפִילוּ בְּגַשְׁמִיּוּת אִיז אַ גְרוֹיסֶע טוֹבָה פַאר'ן מֶענְטְשׁ וֶוען מֶען בַּאנֵייעֶט זִיךְ שְׁטֶענְדִיג וַוייל וֶוען מֶען וֶוערְט אַלְט און נָאכְגֶעלָאזְט פַאלְט מֶען אַרַיין אִין אַ מָרָה שְׁחוֹרָה און דִיפְּרֶעסִיֶע, און מֶען פַארְלִירְט דִי אַפֶּעטִיט צוּם לֶעבְן, מֶען דַארְף זִיךְ נָאר שְׁטַארְקְן און זִיךְ בַּאנֵייעֶן, און אַזוֹי הָאט מֶען אַ פְרֵייליכֶע לֶעבְּן.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן תל"ו) אַז יֶעדֶעס מָאל וָואס מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאל מֶען נָאכְאַמָאל אָנְהֵייבְּן מִיט אַ פְרִישְׁקֵייט, "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ הֵייב פוּן יֶעצְט אָן צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד". וַוייל מְמָה נַפְשָׁךְ, אוֹיב בִּיז יֶעצְט אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען גוּט, וֶועט פוּן יֶעצְט זַיין נָאךְ בֶּעסֶער, און אוֹיב אִיז בִּיז יֶעצְט נִישְׁט גֶעוֶוען גוּט, דַארְף מֶען דָאךְ זִיכֶער אָנְהֵייבְּן פוּן פְרִישׁ, פוּן יֶעצְט צוּ זַיין גוּט.

דָאס הָאט מֶען אֵייבִּיג גֶעזֶען, אַז דִי וֶועלְכֶע הָאבְּן זִיךְ שְׁטַארְק אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין דִי מִדָּה פוּן "הִתְחַדְשׁוּת", הָאבְּן גָאר שֶׁעֶנֶער מַצְלִיחַ גֶעוֶוען. וַוייל וֶוען מֶען הֵייבְּט אָן שְׁטֶענְדִיג פוּן נֵיי, טוּט מֶען אַלֶעס מִיט אַסַאךְ מֶער חֵשֶׁק און גֶעשְׁמַאק.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"ש עֶרֶךְ פַּרְשַׁת הַחוֹדֶשׁ - חוֹדֶשׁ נִיסָן)



פארשטייט זיך אז דאס קאסט אפ גרויסע געלטער, דער ראש ישיבה שליט"א וויל צאלן די אינגעלייט אויף א נארמאלן אופן, זיי זאלן קענען לעבן מיט הרחבת הדעת און דער גאנצער קאפ און מח זאל זיין פארנומען נאר מיט די הייליגע תורה.

עס נעמט א דורכשניט פון זעקס יאר פון ווען א אינגערמאן קומט אריין אין כולל ביז ער איז גרייט צו פסק'ענען לרבים השואלים, דאס מיינט, פאר יעדן איינציגן דיין וואס די קהילה דארף קענען נוצן אין זעקס יאר ארום, דארף מען שאפן הונדערט טויזנט דאלער.

יעצט, פיר יאר נאך די התייסדות הכולל, ווערט געמאלדן די פריידיגע נייעס אז די כולל נעמט אן "יששכר זבולון שותפות". דאס איז א ספעציעלע שותפות וואו דער נדבן וועט האבן די מעגליכקייט צו וויסן ווער פון די יונגעלייט אין כולל איז "זיין אינגערמאן". וואס קען דען זיין א שענערע זאך פון דעם וואס איר וועט וויסן אין זעקס יאר ארום אז אלע וואס פרעגן שאלות פון "אייער" דיין, איז דאס אלעס אויף אייער אקאונט, וצדקתו עומדת לעד. אלע וואס שרייבן אונטער א "שטר שותפות יששכר זבולון" וועלן אויך האבן א חתימה פון די ראש ישיבה אויף דעם.

עטליכע יונגעלייט האבן זיך אפגערעדט פאר'ן גבאי הכולל אז זיי ווילן זייער שטארק ארויסהעלפן די כולל, זיי ווייסן און פארשטייען די וויכטיגקייט און גרויסקייט פון דעם, אבער זיי האבן נישט קיין געלט צו געבן, האט דער גבאי זיי געזאגט אז דו וועסט גיין נאך געלט וועסטו אין צוויי דריי וואכן צאמשטעלן א טויזנטער, און ברוך השם ס'איז טאקע אזוי געווען. אדרבה, איבערצייגט אייך אליין. דער ראש ישיבה זאגט בשם צדיקים, און אזוי שטייט אין ספה"ק אשר בנחל, אז ווען א מענטש גייט נאך געלט, קומט ער אפ ד' מיתות בית דין. אויך האט די ראש ישיבה געשריבן לעצטנס א בריוו אז ווען מ'גייט נאך געלט ווערט מען אויסגעלייטערט, מ'קומט ארויס ריין. אלע וואס וועלן גיין נאך געלט פאר די כולל וועלן באקומען א ספעציעלע אנערקענונג פון די כולל. פאר פרטים, ביטע זיך פארבינדן מיט'ן גבאי הכולל. די כולל איז גרייט צו זיין בייהילפיג מיט סיי וואספארא הילף צו גיין נאך געלט, צ.ב.ש. מ'קען באקומען א בייטל פושקע. מ'קען באקומען נעמען פון בעלי שמחה אנצורופן אויפ'ן טעלעפאן. מקען באקומען אדרעסן אין אייער שטאט צו אויפפיקן געלט פאר די כולל, און אזוי ווייטער.

אין די זעלבע צייט ווענדט זיך די כולל מיט א בקשה, אויב איר ווייסט פון א פלאץ וואו מ'עפנט סיסטעמאטיש פאר משולחים, ביטע מודיע זיין אז די כולל זאל קענען גיין בעטן פאר אונזער חשוב'ע הייליגע צוועק.

**ושכרכם הרבה מאוד!**

## שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



# ווִי אַזוֹי וֶוערְט מֶען אַ פָּשׁוּטֶער עֶרְלִיכֶער אִיד?

*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ בִּין זֵייעֶר דַאנְקְבַּאר אוֹיף דִי הֶערְלִיכֶע בְּרִיוו און בְּרֶסְלֶב'עֶ גִלְיוֹנוֹת, עֶס גֶעבְּט מִיר אַסַאךְ חִיזוּק.

אֶפְשָׁר קֶען מִיר דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעבְּן אַן עֵצָה, אִיךְ בִּין אַ 19 יֶערִיגֶער בָּחוּר, אִיךְ לֶערְן אִין אַ גוּטֶע לִיטְוִוישֶׁע יְשִׁיבָה, אָבֶער אִיךְ הַאלְט אִין אֵיין אַרַיינְפַאלְן אִינֶעם נֶעץ פוּן יֵצֶר הָרָע, אִיךְ פַאל אַרַיין אִין פְּרָאבְּלֶעמֶען מִיט קְדוּשָׁה נָאכְאַמָאל און נָאכְאַמָאל. אִיךְ שְׁפִּיר ווִי אִיךְ הַאלְט עֶס מֶער נִישְׁט אוֹיס, אִיךְ ווִיל פָּשׁוּט זַיין אַ אִיד, אִיךְ ווִיל מַצְלִיחַ זַיין בְּרוּחְנִיוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת, וָואס קֶען אִיךְ טוּן אַרוֹיסְצוּקְרִיכְן פוּן דֶעם?

**יְיַשֵׁר כֹּחַ**

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ה' פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ז' כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

גֶעבּ זִיךְ אַכְטוּנְג צוּ הָאבְּן נָאר עֶרְלִיכֶע חֲבֵרִים, אַז דוּ הֶערְסְט רֶעדְן נִיבּוּל פֶּה – זָאלְסְטוּ אַוֶועקְגֵיין פוּנֶעם שְׁמוּעֶס; נֶעם זִיךְ חֲבֵרִים וָואס רֶעדְן אֵיידְל, וָואס רֶעדְן רֵיין.

וַוארְף אַוֶועק אַלֶע כֵּלִים וָואס מֶען קֶען קוּקְן אוֹיף דֶעם מָאוִויס, אוֹיסְגֶעלַאסֶענֶע בִּילְדֶער און קְלִיפְּס. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּעֲנִית טז.): "אָדָם שֶׁתּוֹפֵס שֶׁרֶץ בְּיָדוֹ, אֲפִלּוּ טוֹבֵל בְּכָל מֵימוֹת שֶׁבָּעוֹלָם לֹא עָלְתָה לוֹ טְבִילָה, זְרָקוֹ מִיָּדוֹ כֵּיוָן שֶׁטָּבַל בְּאַרְבָּעִים סְאָה מִיַּד עָלְתָה לוֹ טְבִילָה", אַז מֶען טוֹבְלְ'ט זִיךְ אִין מִקְוֶה וֶוערְט מֶען רֵיין נָאר אוֹיבּ מֶען וַוארְפְט אַוֶועק דִי טוֹיטֶע שֶׁרֶץ, וַוייל אוֹיבּ מֶען כַאפְּט וַוייטֶער אָן דִי טוֹיטֶע שֶׁרֶץ, אֲפִילוּ דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט זִיךְ טוֹבְלְ'ן אִין אַלֶע מִקְוֶה'ס פוּן דִי וֶועלְט – וֶועט עֶר בְּלַייבְּן טָמֵא; אַז מֶען ווִיל תְּשׁוּבָה טוּן – אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ אָפְּלָאזְן דִי טוֹיטֶע שְׁרָצִים, דִי כֵּלִים וָואס בְּרֶענְגְט טוֹיט. מוֹהֲרָא"ש בַּאטִיטְלְט דֶעם קָאמְפְּיוּטֶער מִיטְ'ן טִיטְל 'מְכַשֵּׁף'; דֶער קָאמְפְּיוּטֶער – אוֹיבּ אִיז דָאס נִישְׁט גֶעפִילְטֶערְט – בְּרֶענְגְט דָאס כִּישׁוּף, עֶס בְּרֶענְגְט אַלֶע צָרוֹת.

מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה. הוֹיבּ אָן אָנְהוֹיבּ סֵדֶר זְרָעִים, מַסֶּכֶת בְּרָכוֹת, זָאג אַ פֶּרֶק נָאךְ אַ פֶּרֶק, זָאג דִי וֶוערְטֶער אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין. אַז דוּ קֶענְסְט זָאגְן אַכְצְן פְּרָקִים יֶעדְן טָאג – מַה טּוֹב וּמַה נָּעִים, דָאס וֶועט דִיךְ אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן דַיינֶע בְּלָאטֶעס, מִשְׁנַיּוֹת רֵיינִיגְט דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶע פְלֶעקְן.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין תַּלְמוּד בַּבְלִי. דֶער הֵייליגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן ריד): "'תַּלְמוּד' בְּגִימַטְרִיָּא אוֹתִיּוֹת שֶׁל שְׁמָהּ 'לִילִית'", 'תַּלְמוּד' בַּאטְרֶעפְט דִי זֶעלְבֶּע מִסְפָּר ווִי דִי נָאמֶען פוּן דִי קְלִיפָּה וָואס מַאכְט אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְן אִין פְּגַם הַבְּרִית, "עַל כֵּן יֵשׁ כֹּחַ בְּלִמּוּד הַתַּלְמוּד לְהַכְנִיעַ אוֹתָהּ", און וֶוען מֶען לֶערְנְט גְּמָרָא אִיז מֶען

<<<<<<

BreslevCenter.com\answers

<<<<<< שו"ת ברסלב

מַכְנִיעַ דִי קְלִיפָּה.

אַוַדַאי וֶועט דֶער סַמַ"ךְ מֶ"ם דִיךְ נִישְׁט אַזוֹי שְׁנֶעל אָפְּלָאזְן, עֶר גֶעבְּט נִישְׁט אַזוֹי שְׁנֶעל אוֹיף זַיינְ'ס אַ קָרְבָּן; עֶר וֶועט דִיךְ נָאכְלוֹיפְן, עֶר וֶועט דִיךְ נָאכְאַמָאל אַרָאפְּוַוארְפְן אִין דִי בִּיטֶערֶע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית רַחֲמָנָא לִצְלָן, אָבֶער אַז דוּ וֶועסְט זַיין שְׁטַארְק מִיט דִי זַאכְן וָואס שְׁטֵייט אִינֶעם בְּרִיוו - וֶועסְטוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

גֵיי זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, שְׁמוּעֶס מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דַיין שְׁפְּרַאךְ, אִין עֶנְגְלִישׁ. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַארְשְׁטֵייט אַלֶע שְׁפְּרַאכְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעמַאכְט אַלֶע שְׁפְּרַאכְן. רֶעד אִין עֶנְגְלִישׁ, זָאג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וִוי שְׁטַארְק דוּ ווילְסְט זַיין עֶרְלִיךְ אוּן יֶעדֶע מָאל פַאלְסְטוּ נָאכְאַמָאל אַרָאפּ, דֶער יֵצֶר הָרָע וַוארְפְּט דִיךְ אַרָאפּ אִין פְּגַם הַבְּרִית, דוּ טוּסְט עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן. וֵויין צוּ אִים אִין דַיין שְׁפְּרַאךְ, בֶּעט אִים עֶר זָאל דִיר הֶעלְפְן - וֶועסְטוּ זִיךְ רֵיינְוַואשְׁן, אוּן מִיט דִי צַייט וֶועסְטוּ פָּטוּר וֶוערְן פוּן דִי שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וַיֵּצֵא תשפ"ג)

## ניִיעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

# געהויבענע ימי הפורים ביים ראש ישיבה שליט"א

גאר א געשמאקע יום טוב פורים איז דורך אויף גאנץ כלל ישראל, אויף אלע אנשי שלומינו בכל קצוי תבל, און בפרט ביים ראש ישיבה שליט"א. פילע אנשי שלומינו זענען אריינגעקומען קיין וויליאמסבורג מיטצוהאלטן קריאת המגילה, און די סעודת פורים ושושן פורים.

תענית אסתר נאכמיטאג איז דער ראש ישיבה שליט"א אריינגעקומען צו מנחה אום 6:15, און דערנאך האט מען געגעבן מחצית השקל כנהוג, דערנאך האט דער ראש ישיבה שליט"א הערליך פארגעליינט די מגילה צו וואס דער גאנצער ציבור האט אויסגעהערט געשמאק, ווי דער ראש ישיבה לערנט אויס אז אויסהערן מגילה איז אזוי שיין, מ'הערט א שיינע מעשה, ווי דער אייבערשטער פירט די וועלט, פון דרויסן זעט עס אויס ווי טבע מקרא מזל, אבער אלעס פירט דער אייבערשטער וואס גרייט אן די רפואה פאר די מכה. מ'האט געקלאפט ביי המן, און געקלאטשט ביי "נדדה שנת המלך", ווי מען פירט זיך אין ברסלב.

אינדערפרי האט מען געדאווענט שחרית אום 9:00, אנשי שלומינו און דער ראש ישיבה שליט"א זענען שוין אנגעקומען אסאך פריער אין בית המדרש כדי צו לערנען די פילע שיעורים אין מקרא משנה גמרא הלכה וחסידות, כדי עס זאל נישט דורכגיין דער טאג חלילה אן קיין לימוד התורה, אן קיין בלאט גמרא.

פורים האט דער ראש ישיבה אויפגענומען דעם ציבור ביי זיך אינדערהיים, אנשי שלומינו זענען אריבער געקומען ארויסווייזן הכרת הטוב און געבן משלוח מנות און זיך אנווינטשן, ווען דער דיין איז אנגעקומען האט דער ראש ישיבה אים אויפגענומען גאר שיין, דער ראש ישיבה האט געזאגט אז מען דארף האלטן חשוב תלמידי חכמים, אזוי קען מען אויפציען ערליכע דורות וואס האבן ליב די תורה.

אום 7:00 זענען אנשי שלומינו מיטן ראש ישיבה שליט"א געקומען אין בית המדרש וואו מען האט געטאנצט און זיך משמח געווען ביז אין די שפעטע נאכט שעות. דער ראש ישיבה האט זיך אנגעטון א שיינע ווייסע בעקישע פון זיין גרויסן זיידן דער קארלסבורגער רב ז"ע. ביים טאנצן האט דער ראש ישיבה כסדר געמוטיגט דעם עולם נישט צו זיצן אין די זייט נאר מען זאל גיין טאנצן. אינמיטן האט דער ראש ישיבה צוגערופן דעם מלמד מומחה הר"ר יוסף שניטצלער הי"ו "ברענג אהער דעם בריוו וואס איך האב דיר געשריבן אינדערפרי", דער ראש ישיבה האט עס פארגעליינט הויך "היינט פורים קען מען זיין מער אפן פון א גאנץ יאר, היינט וועל איך דיר אויסזאגן דעם סוד פונעם שטעטל, וואס איך וויל מיט'ן שטעטל. איך וויל וויל נישט מער נאר די איין זאך, אונזערע קינדער זאלן אויסוואקסן געזונט בנפש מיט א שטארקע אמונה און מיט א געפיל, א ליבשאפט - צו אידישקייט. אויב קען איך דאס האבן האט מיר אלעס געלוינט, און אז נישט - דארפן מיר אנהויבן פון פריש דאס צו טון" דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן נישט אז "אז נישט איז נישט...", דער ראש ישיבה האט ווייטער געליינט "פילעווע אין די קינדער אמונה, ליבער ברודער היינט איז זייער א גרויסע א טאג, מ'קען פועל'ן זוכה צו זיין, צו קומען אויף אזא הויכע מדרגה, ליב צו האבן די תורה, און די וועג פון די תורה, זיך צו פאר'מיאוס'ן און פארעקלן פון עבירות", דער ראש ישיבה האט צוגעלייגט "דאס מיינט דאך 'עד דלא ידע בין ארור המן לברוך מרדכי', מ'וויל זיין נאר מרדכי הצדיק", דער ראש ישיבה האט געזאגט "הערסט יוסי! פילעווע אין די קינדער אמונה!", דארט איז געשטאנען א קינד, דער ראש ישיבה פרעגט אים: "דו האסט ליב די פיאות? דו האסט ליב א בארד? מ'דארף זיך פארעקלן פון א המן!" דער ראש ישיבה האט ווייטער געזאגט "ס'איז אזוי שיין אידלקייט! ס'איז דאך אזוי שיין ערליכקייט! נשמת ישראל זענען נעבעך אזוי אויסגעמישט, אז מ'וויסט שוין נישט וואס שיין איז!" אזוי האט דער ראש ישיבה ווייטער מחזק געווען אנשי שלומינו מען זאל נישט ארויפקוקן דאס נאכמאכן גוים, נאר זיך מדבק זיין אין די הייליגע צדיקים און אין די הייליגע תורה.

שושן פורים נאכמיטאג פאר די סעודת שושן פורים האט דער ראש ישיבה פארגעלערענט א שיעור גמרא, און דערנאך האט מען זיך געוואשן צום סעודה, און דער ראש ישיבה האט געגעבן א שיינע שיעור, צווישן אנדערע האט דער ראש ישיבה אסאך גערעדט איבער חינוך, און איבער די נארישקייט פון "סטאטוס" דער ראש ישיבה האט געזאגט "דיין ווייב וויל רעדן מיט דיר, און דו קוקסט ווי יענער מאכט זיך נאריש?! וואס גייט פאר מיט דיר?". מען קען הערן דעם גאנצן שיעור אויף "קול ברסלב".

דערנאך האט מען זיך ארויסגעלאזט אין פייערדיגע טענץ ביז אין די שפעטע שעות, מען האט געדאנקט און געלויבט דעם אייבערשטן אויף אלע זיינע חסדים.

**והימים האלו נזכרים ונעשים בכל דור ודור!**

***

# פיר יאר פון כולל היכל הקודש

מיט ליוב און דאנק צום אייבערשטן ווערט יעצט אפגעצייכענט פיר יאר פון די גרינדונג פון די כולל, אזוי ווי יעדע זאך וואס הייבט זיך אן קליין און איז מצליח מיט גרויסע נסים, אזוי איז די כולל נישט אנדערש, מען האט אנגעהויבן אסרו חג פסח תשע"ט מיט צוויי אינגעלייט, און יעצט האלט מען ביי קרוב צו צוואנציג אינגעלייט, מיט א יערליכע בודזשעט פון קרוב צו א האלב מיליאן דאלער.

ווי באקאנט איז דער כולל אוועקגעשטעלט דורכ'ן ראש ישיבה שליט"א בלויז פאר אינגעלייט וואס איז באמת תורתם אומנתם, וואס זייער גאנצער ציל אין לעבן איז צו לערנען און זיך משלים זיין אין די הייליגע תורה, און אויסוואקסן ערפארענע דיינים צו דינען כלל ישראל, צו קענען ענטפערן שאלות פאר אידישע קינדער. די קהלה צוואוואקסט זיך ברוך ה' אויף גאר א שנעלע ראטע און מען דארף דרינגנד האבן נאך דיינים אין די קהלה. די אינגעלייט לערנען מיט א סדר, מקצוע נאך מקצוע, און פארהערן זיך יעדע שטיק צייט ביי גדולי הרבנים שליט"א, און רוקן זיך ברוך ה' שיין און שנעל מיט גרויס סוקסעס.

<<<<<<

## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **יודל דעפריס** הי"ו
**צו די שידוך שליסן פון זיין זון עב"ג למז"ט**
החתן **שלמה דוד דעפריס** הי"ו

***

מו"ה **אבא חייא רייזמאן** הי"ו
**גבאי ביהמ"ד היכל הקודש בני ברק**
**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

***

מו"ה **רפאל פורסט** הי"ו
**אדמיניסטראטאר פון אונזערע הייליגע מוסדות**
**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

## המקום ינחם אתכם

מיט א צעבראכן שווער הארץ זענען מיר זיך
משתתף מיט די צער און וויטאג פון
מו"ה **דוד לייב רוטנער וזוגתו** שיחיו
ובניהם מו"ה **אברהם, יצחק** הי"ו
**וואס טרויערן אויף די פטירה פון זייער זון און ברודער**
הבה"ח **יוסף** ז"ל בן ר' **ישראל דוד לייב** הי"ו
**ויהי רצון שלא ישמע עוד שוד ושבר בגבולינו**


## ארויס פון בית המדרש

**מען האט מיר נישט ליב אין בית המדרש,**
**מען שיקט מיר ארויס פון איבעראל, אבער**
**דער אייבערשטערווארפט מיך נישט ארויס**
**קול ברסלב**
**212-444-9191**
**1, 2, 1, 9, 1, 123**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב,**
**קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים,**
**סידי"ס, USB'ס, SD'ס, און נאך;**
**דעליווערט צו אייער טיר!**
רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו
**347-509-4908**
**און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעסעפיס; און נאך**
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com/** טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**